# קול מלחמה

איבער די שטורמישע אנטוויקלונגען
אויפ'ן פראנט פון מלחמת ה'
בעמלק הציוני

ערשיינט לכבוד דעם בעפארשטייענדן

## מעמד אדיר קידוש שם שמים

דעם **זונטאג וישלח** הבעל"ט - באולם "קרן ויואל משה"

**אפצוקויפן די געלט קנסות פון 88 אסירי עמנואל פאר'ן העלדישן אקט פון קידוש שם שמים**

## כולנו למערכה!

א געוואלדיגער אש קודש טוט אונז אלע איינהילן אין צוזאמענהאנג מיט דעם אויסערארדענטליכן מגבית קודש וואס אונז יעצט אונטערגעקומען, צו נעמען א חלק און אויסלייזן די געלט קנסות פון די מסירת נפש'דיגע אסירי עמנואל וועלכע זענען באשטראפט געווארן מיט אסטראנאמישע געלט קנסות און ווערן גע'רודפ'ט דורך די ממשלת הרשעה בכח הזרוע פונעם ציוניסטישן בג"ץ פאר זייער העלדישע עקשנות'דיגע שריט למען קדושת החינוך, וואס האט אפגעקלונגען מקצה העולם ועד סופו.

דער קאמפיין איז אונטערגענומען געווארן דורך א שטאב טעטיגע עסקנים למען מערכות אלקים חיים, אין שפיץ פון די חשוב'ע "ועד משמרת חומותיך" דקהל יטב לב ד'סאטמאר, לאור קריאת קדשו פון כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א, וועלכער האט ביי א ספעציעלע אסיפה בביתו נאוה קודש פארגאנגענעם זונטאג ויצא העעל"ט געהערט א דעטאלירטע באריכט איבער די לעצטערע אנטוויקלונגען אויפ'ן פראנט און איבער די שרעקליכע רדיפות וואס די מסירת נפש'דיגע עלטערן ליידן זיך צוזאם, און דער רבי שליט"א האט דערביי גאר שטארק מעודד געווען די עסקנים זיך ארויסצולאזן צום ברייטן ציבור נאך הילף, זיך אנצונעמען און קענען בעז"ה שענקען מאראלישע און פינאנציעלע חיזוק פאר די וואס ליידן פאר'ן כבוד שמים.

דער ציבור איז צעשוידערט הערנדיג פון די שרעקליכע רדיפות און גזירות וואס גייען דורך אויף די מקדשי שם שמים בארה"ק, און א הייליגער געפיל פון כולנו למערכה ברענט אין די לופט, ווען יעדער שפירט פאר א זכי' און א חיוב זיך אנצושליסן און זיין א טייל אין די מערכה, אויב נישט בגוף כאטש בממון, איבערצונעמען די געלט קנסות וואס די אסירי עמנואל האבן באקומען, וואס דאס ברענגט צום אויסדרוק די אש קודש וואס טליעט אין די הערצער פון אנשי שלומינו, מחזק צו זיין די ריינע שיטה לקדש שם שמים וואס מיר האבן מקבל געווען בבי מדרשא פון רבותינו הקדושים זי"ע, און וואס מיר הערן כסדר ווייטער מפ"ק פון יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, דער שר צבא ה' ההולך לפני מחנה ישראל.

א'
וישלח
גירא בעינא דשטנא
מעמד האדיר
לקדש שם שמים
פדיון 88 קנסות
הצלת תושבי עמנואל
מרדיפת הבג"ץ הציוני

# די שטורמישע 'פרשת עמנואל'

עס האנדלט זיך פון די ברייט-בארימטע 'פרשת עמנואל', וואס האט דערלאנגט א הילכיגן פראסק פאר'ן ממשלת המינות מיט אירע חוקי סדום און געברענגט גרויסע בזיונות פאר'ן בג"ץ הציוני. דאס מסירת נפש פון די ערליכע אידן וועלכע האבן זיך געהאלטן שטארק און געקעמפט פאר א ערליכע חינוך פאר זייערע קינדער, זייענדיג אפילו גרייט זיך צו לאזן ארעסטירן, רודפ'ן און גע'קנס'ט ווערן מיט געלט, האט אפגעקלונגען אלס א מעכטיגער קידוש שם שמים אויף די גאנצע וועלט.

עס לאזט זיך גארנישט באשרייבן די געוואלדיגע מסירת נפש און די שווערע מצבים וואס די ערליכע עלטערן חסידי סלאנים פון עמנואל זענען דורכגעגאנגען. עס האט זיך אנגעהויבן אז די עלטערן האבן געזוכט זיך אפצוטיילן פון די דארטיגע שולע און איינפירן שטרענגע תקנות איבער'ן לבוש, קאמפיוטער, וכדו', כדי צו געבן פאר די קינדער א ערליכע חינוך, האט זיך די ממשלה אריינגעמישט און געאורטיילט דערקעגן אין ליכט פון אן אנקלאגע איבער דיסקרימינאציע, האבן די עלטערן נישט אויפגעגעבן, מ'האט אנגעהויבן לערנען פריוואט מיט די קינדער און ענדערש אוועקגעשיקט די קינדער צו ווייטערדיגע מוסדות, אבי צו געבן אן ערליכע חינוך פאר די קינדער.

דאס האט ארויסגענומען די בג"ץ פון די כלים, זענען זיי נאכגעגאנגען יעדע אנטוויקלונג און אויסגעטיילט ציפקע צרות און גע'רודפ'ט די עלטערן, ביז צום ענדע איז ארויסגעקומען דער אורטייל אז מען מוז צוריקגיין לערנען אין די דארטיגע אלטע מוסד און אויב נישט וועט מען באקומען גרויסע געלט קנסות און אריינגעשליידערט ווערן אין טורמע. דאס האט אבער גענצליך נישט דערשראקן די ערליכע העלדישע עלטערן, וועלכע האבן דארטן אין בג"ץ אויסגעשריגן מיט שטאלץ "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" און געלאזט קלאר הערן אז זיי זענען גרייט צו זיצן אין תפיסה, אבי צו האבן מסירת נפש פאר אן ערליכע חינוך.

א טאג דערויף איז פארגעקומען דער ריזיגער אומפארגעסליכער עצרת קידוש שם שמים, ווען רבבות אלפי ישראל פון אלע שיכטן און קרייזן זענען ארויסגעקומען אין די מאסן צו באגלייטן די בעלי מסירת נפש אין טורמע. די עלטערן זענען געגאנגען מיט א שמחה, זינגענדיג ניגוני קנאות און מלובש בבגדי שבת פאר אזא העלדישע שריט.

דארטן אין טורמע האבן זיי אבער נישט געלעקט קיין האניג. די עלטערן זענען דורך שרעקליכע רדיפות. זיי זענען געהאלטן געווארן אונטער גאר שווערע אומשטענדן און ניטאמאל באקומען די מינדעסטע הצטרכות. פאר נקמה האט מען זיי גע'רודפ'ט און אונטערגעדרוקט מיט אלע אופנים, צו צעשלאגן זייערע געמיטער.

נאך עטליכע טעג דערויף איז פארגעקומען א זיצונג אין בג"ץ איבער די ווייטערדיגע שריט, ווי עס איז פארגעשלאגן געווארן א פלאן, ארויסצולאזן די עלטערן פון טורמע אויב זיי שרייבן אונטער אויסצופאלגן די אורטייל פון בג"ץ, אז אין די פאר טעג ביז ענדע פונעם זמן וועלן די עלטערן צוריקשיקן זייערע קינדער צו לערנען אין די אלטע מוסד און אויפ'ן קומענדיגן זמן וועט מען שוין עפעס אנדערש אויסארבעטן.

די חשוב'ע עלטערן, חסידי סלאנים האבן זיך שואל עצה געווען מיט רבם ומאורם כ"ק אדמו"ר מסלאנים שליט"א כדת מה לעשות, און ער האט קלאר באפוילן אז מ'זאל נישט ארויסגיין פון טורמע נאר מיט די פאלגנדע דריי תנאים, איינס אז מ'זאל בשו"א נישט אונטערשרייבן אז מ'גייט ארויס פאר'ן פאלגן די בג"ץ, צווייטנס אז מ'איז גרייט צוריקצוגיין אינעם אלטן מוסד אויף עטליכע טעג נאר אויב ס'איז פאר אן אויספלוג און רעדעס וכדו' אבער בשו"א נישט אויף צום לערנען, און דריטנס אז דאס איז נישט נאר גילטיג אויף זיי, די עלטערן חסידי סלאנים, נאר אויף די פאר טעג זאלן אויך אהינגעשיקט ווערן קינדער פון אנדערע קרייזן, כדי ס'זאל בשו"א נישט זיין קיין הוראה אז מ'דארף צוריקגיין זיך פאראייניגן מיט'ן אלטן מוסד.

די קלארע שטעלונג פון די עלטערן האט מורא'דיג אויפגעברויזט דעם שופט. די עלטערן זענען געשטאנען און געווארט מיט אנגסט אויף די אורטייל, זייענדיג גרייט צו הערן דאס ארגעסטע, אבער למעשה צוליב שטארקע דרוק און זעהנדיג מיט וועמען מ'האנדלט דא, האט דער שופט זיך געבראכן און יא נאכגעגעבן די פארלאנגען פון די עלטערן, און אזוי זענען די בעלי מסירת נפש באפרייט געווארן פון טורמע.

א' וישלח

גירא בנויא דשמיא

מעמד האדיר

לקדש שם שמים

פדיון 88 קנסות

הצלת תושבי עמנואל מרדיפת הבג"ץ הציוני

## די שרעקליכע רדיפות און געלט קנסות אויף די עלטערן!

עס איז אבער נישט פארטיג. די ערליכע עלטערן האבן זיך דאן צוזאמגענומען און געגעבן בעטן רשות פון די רעגירונג צו קענען עפנען אן אייגענעם ערליכן מוסד וואס זאל נישט נעמען קיין שטיצע פון די ממשלה, אויף וואס מ'האט זיי עס נאכגעגעבן, אבער ווי נאר די בג"ץ איז געוואויר געווארן דערפון האט זיי עס זייער נישט געשמעקט, און זיי האבן געשיקט א מעסעדזש פאר די אויטאריטעטן אז עס איז אומלעגאל, וואס די סיבה דערצו איז פשוט, וויבאלד זיי האבן דא געזוכט נאך א טירל זיך צו קענען אפרעכענען מיט די אסירי עמנואל, וועלכע האבן זיי אזוי מבזה געווען און קלארגעשטעלט אז די הוראה פון די בג"ץ איז זיי נישט מחייב.

נאך מער שאקירט זענען די עלטערן געווארן ווען אין א שיינעם טאג האבן זיי ערהאלטן אפיציעלע בריוון פון די בג"ץ אז זיי ווערן גע'קנס'ט מיט'ן סכום פון 7,000 שקל פאר יעדע משפחה, וואס באטרעפט אין אמעריקאנער דאלאר 2,000$ פער משפחה, יעדע קנס פער נפש איז 1,000$.

די עלטערן זענען גענצליך נישט געווען גערישט דערויף בפרט נאכדעם וואס זיי זענען שוין אזויפיל דורך, זיי האבן שוין אזויפיל רדיפות געליטן און אפילו אפגעזעצן אין טורמע. אבער למעשה דארף עס באצאלט ווערן אז נישט דראעט זיי פרישע ארעסטן און מ'האט זיי געווארענט אז מ'וועט אריבערקומען אין שטוב צו צונעמען חפצים אין די ווערד פון די קנסות.

די פרישע גזירה איז מעורר גרויס מיטגעפיל און רחמנות ביי יעדן איד און ערוועקט א חובת השעה ביי שלומי אמוני ישראל זיך אנצונעמען ארויסצוהעלפן אויסלייזן די אידן פון די קנסות, וויבאלד דער פאקט איז אז די אידן אין עמנואל לעבן אונטער גאר א שרעקליכע דחקות, ווען אין דורכשניט פארדינט מען נישט דארט מער ווי 2,000 שקל א חודש, וואס איז קוים גענוג אויף ברויט און מילך פאר די קינדער, און אוודאי נישט אויף 'שוין' צום באצאלן די גאנצע 'געלט קנס', און די עלטערן זענען דערפאר זייער פארלוירן און צעבראכן.

## 'סלונים' ווענדט זיך צו 'סאטמאר' נאך הילף!

צוליב דעם שרעקליכן מצב האבן זיך די דארטיגע עסקנים אין שפיץ פונעם בעל מסירת נפש הרה"ח ר' אשר ישעי' זעליג אייכלער שליט"א, מנהל מוסד החדש על טהרת הקודש בעמנואל, געווענדן צו די ריכטיגע אדרעס, צו אחים לדעה בגולה, ק"ק סאטמאר, תלמידי וחסידי כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א, צו בעטן הילף און חיזוק אין די מערכה, זייענדיג זיכער אז די פאן-טרעגער אין מלחמת ה' בעמלק, וועלן אוודאי נישט לאזן פאלן די וואס האבן אזויפיל געליטן און גייען דורך שווערע מצבים פאר'ן כבוד שמים.

הרה"ח ר' ישעי' שליט"א איז ספעציעל ארויסגעקומען קיין ניו יארק פאר דעם צוועק, וואו ער איז באלד אטפאנגען געווארן מיט גרויס הערצה דורך די חשוב'ע עסקנים פון אנ"ש, אין שפיץ פון די "ועד משמרת חומותיך ירושלים" דקהל יטב לב ד'סאטמאר.

אלס די ערשטע שריט איז פארגאנגענעם זונטאג ויצא פאררופן געווארן א וויכטיגע אסיפת עסקנים אין 'קידוש שטיבל' אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל, וואו עס האבן זיך פארזאמעלט איבער 50 עסקנים מיט ווארימע הערצער.

דער ציבור איז אויפגעשווידערט געווארן הערנדיג אן ערשט-האנטיגע באריכט פון הרה"ח ר' ישעי' שליט"א. ווי אויך האט מען געהערט ווארימע דרשות פון הר"ר שמואל שלמה טעללער שליט"א, הר"ר הערשל פריעדמאן שליט"א, הר"ר שמואל פריעדמאן שליט"א ר"מ בישיבת לצעירים קרית יואל, און אנדערע, וועלכע האבן אלע שטארק אנגעווארימט די עסקנים פאר די מערכה.

## אסיפה בביתו נאוה קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א

פון דארט זענען די עסקנים אין שפיץ פונעם גאסט הרה"ח ר' ישעי' אייכלער שליט"א אריבערגעגאנגען אויף אן אסיפה בביתו נאוה קודש פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א.

א' וישלח

גידא בעינא דשטנא

מעמד האדיר לקדש שם שמים

הצלת תושבי עמנואל מרדיפת הבג"ץ הציוני

פדיון 88 קנסות

ר׳ ישעי׳ האט איבערגעגעבן פאר׳ן רבי׳ן א דעטאלינדער באריכט איבער די דארטיגע מצב, און געבעטן דעם רבי׳ן חיזוק אנצוגיין אין די הייליגע מערכה.

דער רבי שליט״א האט זיך פאראינטערעסירט אין אלע פרטים ארום די מערכה. דער רבי האט שטארק הנאה געהאט צו זעהן ווי די אינגעלייט זענען אזוי ווארים און דער אש קודש ברענט אין די הערצער צו העלפן פאר יעדע מערכה וואס איז א גירא בעינא דשיטנא. בפרט וועג די פרשה איז דאך ארויסגעקומען לעיני רבבות אלפי ישראל, און די מחאה קעגן דעם בג״ץ הציוני האט אפגעקלונגען מקצה העולם ועד סופו.

אויפ׳ן פלאץ האט דער רבי שליט״א זיך פערזענליך משתתף געווען מיט׳ן געבן א שיינע נתינה פאר ר׳ ישעי׳ שליט״א, צו ווערן די ערשטע שותף אין איבערנעמען די געלט קנסות פון די אסירי עמנואל, און דער רבי האט מחזק געווען די עסקנים ארומצוגיין אויפצוארבעטן דעם ציבור, און ער האט גאר ווארים אנגעוואונטשן פאר אלע וואס נעמען אנטייל אין די הייליגע מערכה.

## קרית יואל שטורמט!

די עסקנים זענען ארויסגעקומען פון רבי׳ס שטוב זייער אנגעווארימט, און האבן זיך אריינגעווארפן אין די הייליגע מערכה מיט גרויס ברען, באגלייט בברכת קדשו פונעם רבי׳ן שליט״א.

שוין אין די ערשטע פאר טעג, האט זיך ארויסגעשטעלט דער צופרידענער פאקט אז דער ברייטער ציבור חסידי סאטמאר, תושבי קרית יואל נעמען אויף מיט אויסטערלישע ווארימקייט די ערנסטקייט און זעלטנקייט פון דעם צוועק, שפירנדיג גאר פאר א זכי׳ און א שטאלץ צו קענען איבערנעמען די געלט קנסות וואס קומט פאר׳ן חטא פון נישט אנערקענען אין די חוקי המדינה הטמאה, און פאר׳ן אזוי מיאוס מבזה זיין די ציוניסטישע בג״ץ, קעמפנדיג מיט מסירת נפש פאר׳ן כבוד שמים וקדושת החינוך.

אין די פארגאנגענע טעג האט דער בעל מסירת נפש הרה״ח ר׳ ישעי׳ אייכלער שליט״א אויפגעטרעטן מיט פייערדיגע דרשות אין מבצר הכוללים, וואו ער האט גאר שטארק אנגעווארימט די חשוב׳ע יונגעלייט און געשילדערט ערשט-האנטיגע פרטים איבער די מערכה אין ארץ ישראל.

באזונדער זענען פארגעקומען מערערע זיצונגען צווישן די עסקנים אויסשמועסנדיג פארשידענע פרטים וויאזוי אויפצוארבעטן און צו קענען פאקטיש אנשליסן דעם גאנצן ציבור, אז יעדער זאל דערהערן דעם חובת השעה און פארשטיין די וויכטיגקייט פון ארויסווייזן מאראלישע שטיצע פאר די אידן אין עמנואל, וואס ווערן גע׳רודפ׳ט און גע׳קנס׳ט פונעם ציוניסטישן ממשלה פאר׳ן חטא פון קעמפן פאר א ערליכע חינוך, וואס דערמיט שיקט מען אויך זייער א טיפע מעסעדזש פאר אלע אנדערע מוסדות איבער ארץ ישראל, אז ׳סאטמאר׳ איז דא צו העלפן פאר די וואס זוכן זיך אפצושיידן פון נעמען געלט פון די מרכבה הטמאה און זיך צושטעלן צו די ערליכע רייען מחנך צו זיין די דורות על טהרת הקודש.

א שטארקע רושם גיט צו צו די מערכה די מכתבי קודש און כרוזים וואס זענען ערשינען פון כ״ק מרן הגאב״ד וחברי בית דין הגדול שבירושלים שליט״א, און פון הגה״צ דיינא רבא דק״ק קרית יואל שליט״א והגאוה״צ רבני ודייני קהל יטב לב ד׳סאטמאר, וועלכע אפעלירן אלע צום ברייטן ציבור שלומי אמוני ישראל זיך משתתף צו זיין אין דעם צוועק.

אצינד גרייט זיך דער ציבור ארויסצוקומען זיך באטייליגן ביי דעם גרויסן מעמד קידוש שם שמים, וואס וועט פארקומען אי״ה דעם זונטאג אוונט אין ״קרן ויואל משה״, וואו עס וועלן געהערט ווערן גאר וויכטיגע דרשות מיט ערשט-האנטיגע פרטים איבער די מערכה.

ס׳איז אוודאי צום האפן אז דער ווארימער ציבור וועט ענטפערן די קריאת הקודש פון מרנן ורבנן עיני העדה ובראשם מרן רבינו שליט״א, זיך משתתף צו זיין מיט גרויסע סכומים, איבערצונעמען די גאנצע קנסות אדער צו ווערן א טיילוויזע שותף מיט קלענערע סכומים, אויסצולייזן די אסירי עמנואל פון די געלט שטראפן, און זיי שענקען מאראלישע שטיצע און חיזוק פאר זייער העלדישע מסירת נפש אקט.

**מלחמה לה׳ בעמלק מדור דור.**

א׳ וישלח
גירא בעינא דשטנא
מעמד האדיר
לקדש שם שמים
פדיון 88 קנסות
הצלת תושבי עמנואל מרדיפת הבג״ץ הציוני

# כולנו!

# א' וישלח

## לחזק ברכיים אשר
## לא כרעו לבעל!

## איש בל יעדר

א'
וישלח

גירא
בעינא
דשטנא

מעמד האדיר

# לקדש שם שמים

פדיון
88
קנסות

הצלת תושבי עמנואל
מרדיפת הבג"ץ הציוני

א'
וישלח

גירא
בעינא
דשטנא

מעמד האדיר

לקדש שם שמים

פדיון
88
קנסות

הצלת תושבי עמנואל
מרדיפת הבג"ץ הציוני

# מ׳קנס׳עט אין עמנואל, און מ׳צאלט אין קרית יואל

ש. ב. מרגליות

די נייעס איבער דעם אינטערעסאנטן ׳שידוך׳, פון א ׳קנס׳ וואס איז ארויפגעלייגט געווארן אויף די עלטערן פון די תלמידות אינעם מושב עמנואל, און דער ׳פרעון׳ וואס איז אונטערגענומען געווארן דורך סאטמארע חסידים אין קרית יואל, איז אויפגענומען געווארן מיט אינטערעסע. אויך די ציוני׳סטישע פרעסע און די רעליגיעז-געשטימטע נייעס קוועלער האבן געמוזט מעלדן דעם מאדנעם צוזאמענשטעל, און דאס באטראכטן מיט וואונדער.

עס געדענקט זיך זייער גוט די פרשה, ווען מיט געציילטע חדשים צוריק האט ׳עמנואל׳ פארנומען די העדליינס איבער אלע צייטונגען און נייעס קוועלער. פאר לאנגע וואכן און חדשים זענען זיי געווען אונטערן פארגרעסערונג גלאז, ווען עס איז באגלייט געווארן דער משפט וואס איז געפירט געווארן קעגן זייער אפגעטיילטער מיידל-שולע, וואס חסיד׳ישע אידן האבן געגרינדעט לויט די אנווייזונגען פון ערליכע רבנים ופוסקים שליט"א, און די עקשנות׳דיגע שטעלונג פון ביידע צדדים, פון איין זייט דער הארטנעקיגער שופט אדמונד לוי שר"י וועלכער האט מיט גרעניצלאזער חוצפה געשריגן אז ער וועט ווייזן פאר די פרומע אידן אז דער בג"ץ הציוני שטייט העכער פון די חוקי התורה, און פון די צווייטע זייט זענען געשטאנען מיט נישט ווייניגער עזות דקדושה די קבוצה חסידי סלונים וואס האבן ערקלערט גרייטקייט צו גיין אין תפיסה, אבער זיי וועלן זיך בשום אופן נישט בייגן צום בג"ץ, און זיי וועלן ח"ו נישט אנערקענען אז די חוקי הבג"ץ שטייען העכער די חוקי התורה.

**ווער עס פארשטייט נישט און ווער עס האט נישט ארויס די גרונד פרינציפן פון די שיטה הק׳ וואס שלומי אמוני ישראל גייען אין אירע טריט, דער קען זיך וואונדערן און פרעגן שאלות. ווער עס מיינט אז ׳קנאות׳ אין סאטמאר איז א מנהג אבות, אדער א מורשת אונגארן, דער קען טאקע פרעגן די שאלה**

הונדערטער טויזענטער פון איבער די גאנצע וועלט האבן באגלייט די מערכה, אידן שומרי תורה ומצוות האבן געשפירט אז עס איז געקומען צו א רויטע ליניע, און רבבות זענען ארויסגעלאפן פון די הייזער זיך צו אידענטיפיצירן מיט די ׳אסירי עמנואל׳, און ארויסצייגן די מחאה קעגן דאס השתלטות פונעם בג"ץ הציוני אויפן עולם התורה.

דערוויל זענען עטליכע חדשים פארביי געלאפן, די אידן האבן שוין אינצווישן געשמאכטעט אין טורמע, זיי האבן שוין אין די צייט אויפגעשטעלט זיין נייער מיידל שולע על טהרת הקודש. און די מדינת הרשעה העלפט זיי צו אז עס זאל טאקע זיין "על טהרת הקודש מיט אלע הידורים". אפילו דאס וואס זיי געבן פאר אנדערע מוסדות וואס נעמען נישט קיין געלט פון זיי זענען די אידן נישט ׳זוכה׳. כאטש דער שטח וואו דער מוסד געפונט זיך, עלעקטערי, וואסער אלעס האט מען פון די אידן אוועק גענומען. אין די לעצטע טעג האט מען שוין אוועק גענומען אויך די זייטיגע הילף וואס מ׳האט געהאט געגעבן פאר תלמידות וואס דארפן צוקומען דערצו, אלס איז א טייל פונעם קנס וואס זיי געבן פאר די עלטערן, צוליב דעם וואס זיי קענען נישט מוחל דעם ׳בזיון בית המשפט׳.

והאחרון הכביד, אז די פאראר׳מטע עלטערן, די צובראכענע אידן וואס מוטשענען זיך שוין יעצט אויך גענוג מיטן צאלן שכ"ל, האבן באקומען א נייעם קנס פון 3600 שקלים, דאס מיינט 7200 שקל פאר א משפחה מאן און ווייב, ווידער א טייל פונעם קנס אויפן חטא ׳פון בזיון בית המשפט׳.

די ארטיגע אידן קענען דעם קנס נישט צאלן, עפ"י רוב איז די רעדע פון ארימע בני תורה וואס מוטשענען זיך שווער אויפן טאג טעגליכן, אבער די אזהרה פונעם בג"ץ אז ביז א געוויסן טאג אויב דער פרעון הקנס קומט נישט אן ווערן זיי ווידער ארייגעשליידערט אין טורמע דאס דערשרעקט זיי שטארק, און זיי ווייסן אז עפעס דארף געטון ווערן.

דא האט מען זיך געווענדן צו חסידי סאטמאר, און אויסגעשטרעקט א האנט נאך הילף.

ווער עס ווייסט באמת דעם יסודות׳דיגן אונטערשייד צווישן די צוויי שיכטן, פארשטייט דעם גרויסן וואונדער. חסידי

גירא בעינא דשטנא
מעמד האדיר
לקדש שם שמים
פדיון 88 קנסות
הצלת תושבי עמנואל
מרדיפת הבג"ץ הציוני

סאטמאר זענען אויפגעוואקסן געבויעט אויפן פרינציפ פון התבדלות מרשעים עד קצה האחרון, א גרעניצלאזע התנגדות צום רעיון הציוני, צו די מדינה הציונית, צום ממשלת המינים, ביז צו א טאטאלע התנזרות פון יעדע זאך וואס האט שייכות מיט אביזריהו דציונית, א געבויטער חומת המבדיל איז אויפגעשטעלט צווישן סאטמארע חסידים און די אנדערע קרייזן וואס האבן זיך צוגעשטעלט צום 'דע-פאקטא' ממשלת המינים. וואס דער געגנזייטיגע חילוקי דיעות איז שוין א פאקט די לעצטע איבער זעכציג יאר.

דער עצם מושב עמנואל איז א דבר מופרך ביי חסידי סאטמאר. דער גאנצער מושב איז אויפגעשטעלט געווארן אויף די 'שטחים' דורך התגרות באומות, דאס גאנצע וואוינען אויף אזא מקום איז אסור ביי חסידי סאטמאר. און אפגעזעהן וואס די סיבות פונעם התיישבות אויף דעם מקום זאל נאר נישט זיין קען א סאטמארער חסיד נישט וואוינען דארט, און זיך נישט אידענטיפיצירן מיט אזא מקום.

די סברא וואלט מיטגעגעבן אז ווען די עלטערן פון די תלמידות אין עמנואל פאלן אריין אין אזא פראבלעם זאלן זייערע שטיצער וואס גייען מיט זייער אידיאלאגיע זיי ארויסהעלפן. זאל נאר יעדער איד וואס איז אנוועזנד געווען ביי די ריזיגע הפגנה פארגאנגענעם ה' חקת תש"ע העעל"ט געבן "פופציג סענט", און דער קנס איז אויסגעצאלט...

אבער ניין, די עסקנים וואס מוטשענען זיך אויפצוהאלטן דעם נייעם מוסד על טהרת הקודש, און די וואס ווילן בלב ובנפש העלפן די עלטערן וואס זענען יעצט פריש באלעסטיגט געווארן מיט די גרויסע סומע קנס, האבן געוואוסט אויף וועלכן טיר מ'דארף קלאפן ווען מ'דארף געלט. און זיי האבן אנגעקלאפט אויף די ריכטיגע טירן, וואס האט זיך טאקע ברייט געעפענט.

די דרויסענדיגע גאס באטראכט דאס טאקע מיט וואונדער און קענען דאס נישט פארשטיין.

*

ווער עס פארשטייט נישט און ווער עס האט נישט ארויס די גרונד פרינציפן פון די שיטה הק' וואס שלומי אמוני ישראל גייען אין אירע טריט, דער קען זיך וואונדערן און פרעגן שאלות. ווער עס מיינט אז 'קנאות' אין סאטמאר איז א מנהג אבות, אדער א מורשת אונגארן, דער קען טאקע פרעגן די שאלה, דער קען וועלן וויסן ווי אזוי דער שידוך איז צושטאנד געקומען, פארוואס צאלן סאטמארע חסידים 'קנס' פאר א סלונים'ער שולע וואס איז סטאנציאנירט אין די 'שטחים'. אבער לו חכמו ישכילו, אז מ'פארשטייט דעם יסוד איז גארנישט שווער.

דער 'באגריף סאטמאר' איז בכלל נישט קיין חסידות, און אוודאי נישט קיין 'מפלגה', דאס איז א נאמען מיט וואס מ'רופט היינט די חסידים והולכים בעקבותיו פון דעם צדיק אמת וואס האט געלערנט מיט זיין ציבור אמונה, די יסודות פון "אנכי ה' אלקיך", די יסודות פון די י"ג עקרים, וואס דורך דעם איז צושטאנד געקומען די הכרה אז די ציוני'סטישע מדינה דאס איז דער היפך פון דעם אלעם. די מדינה לייקנט אפ אין מלכות שמים, און איז דער גרעסטער היפך פון יעדע זאך וואס דער גע'גנב'עטער נאמען 'ישראל' מיינט באמת.

"חסידי סאטמאר" האט קיינמאל נישט געמיינט א איד וואס זיינע אור-עלטערן האבן געוואוינט אין אונגארן-רומעניען און פלעגן פארן זיך קוויטלען אדער אויף די צווייטע טעג סוכות ביים סאטמארער רבי'ן זי"ע. ווען דער סאטמארער רבי ז"ל האט אמאל געניצט דעם אויסדרוק 'ווער עס האט דער פלעק סאקמער קען דאס נישט אפוויישן' האט זיך פארשטאנען אז דער 'פלעק' איז נישט קיין חיצוניות'דיגער, נישט קיין יוניפארם און נישט קיין מנהגים, ווייל ד'אס קען מען לייכט אפווישן. 'דער פלעק סאקמער' איז אמונה, ריין אמונה בה', אמונה אין די תורה, אמונה אין שכר ועונש, אמונה אין הנהגת הבורא בעולמו, אמונה אין אלע דברי חז"ל איבער עניני גלות וגאולה.

דער סאטמארער רבי זי"ע האט מיט אלע זיינע כוחות געבויעט א מיליטער, א לגיון של מלך, ער האט אויפגעשטעלט א דור וואס זאל לערנען די יסודות פון די אמונה, און דאס חזר'ן מיט א ברען, און וויסן אז מיט די הייקעלע יסודות קען מען זיך נישט שפילן. עס איז נישטא דערביי קיין פשרות, מ'קען נישט טאנצן אויף, צוויי חתונות ווען עס האנדלט זיך אין די ענינים. און דער מיליטער האט פארשטאנען אז עס ליגט אויף זיי דער פליכט צו בויען אמונה, און בויען די מלחמה לה' בעמלק הציוני מיט יעדע מיטל און מעגליכקייט וואס איז נאר שייך.

**נישט דאס לעבן מיטן בויען אן אייגענעם כח לויט אייגענע פארשריפטן דאס מיינט סאטמאר, נאר יעדע כפירה אינעם ממשלת השמד דאס איז סאטמאר!**

יעדע אויסרוף פון מחאה אינעם מלכות המינים, איז א פרישע הכרזה אין ה' אחד ושמו אחד! יעדע שטוס פאר דעם ציוני'סטישן בית המשפט, איז א פרישע הכרזה אינעם אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח! יעדע התנגדות אינעם קיום פון די ממשלת השמד, איז א פרישע הכרזה אז כי אנו בניך ואתה אבינו!

חסידי סאטמאר זענען נתחנך געווארן מאז ומקדם אז עס איז אונז נישט גענוג צו שטיצן נאר אונזערע אייגענע מוסדות. אויסער דער ריזיגער נעץ פון סאטמארע מוסדות איבער די וועלט, טראגן סאטמארע חסידים אן עול פון 'קרן הצלה' פאר צענדליגער מוסדות אין ארה"ק

ספרדים, אשכנזים, תימנים, און וואס נישט. 'רב טוב' פאר רוסישע אידן'. 'עזרת ישראל' פאר תימנ'ער אידן. נישט דאס לעבן מיטן בויען אן אייגענעם כח לויט אייגענע פארשריפטן דאס מיינט סאטמאר, נאר יעדע כפירה אינעם ממשלת השמד דאס איז סאטמאר!

אמת, דער גרעסטער טייל פונעם יהדות החרדית איז ליידער דורכגעפאלן אין די ענינים. דער ביטערער חורבן פון יהדות אייראפע וואס האט ליידער פארניכטעט רוב מנין ורוב בנין פון די פריערדיגע גדולי ישראל האט גורם געווען א בלבול וטשטוש המוחין, אין בו בזמן וואס אין אנדערע פלעצער האט מען פרובירט לשקם ההרסות אויף פארשידענע אופנים, האט מען דעם יסוד פארנאכלעסיגט, אזוי אז סאטמאר שטייט אפגעזונדערט פון די אלע קרייזן און שיכטן וואס האבן זיך ליידער מתחבר געווען צום שלטון המינים.

**מאיזה סיבה שהוא איז באשערט געווען פאר די סלונימ'ער חסידים מיטן רבי'ן שליט"א צוזאמען אז זיי זאלן האבן די זכי' צושטאנד צו ברענגען די הכרזה וואס האט אפגעקלונגען מקצה העולם ועד סופו. און דאס האט מחזק געווען די אמונה הטהורה, ווי רש"י הק' ברענגט יענע וואך עה"פ ולאום מלאום יאמץ כשזה קם זה נופל, די מפלה פארן ציוני'סטישן בג"ץ איז א חיזוק פאר כבוד שמים.**

אין יענע מינוט וואס עס האט פאסירט א אפענע מרידה אינעם ממשלת השמד, עס איז צושטאנד געקומען א הכרזה קעגן די כפירה הציונית, עס איז אויסגערופן געווארן 'אין לנו חלק ונחלה במדינה הציונית' איז דאס שוין 'סאטמאר'.

מאיזה סיבה שהוא איז באשערט געווען פאר די סלונימ'ער חסידים מיטן רבי'ן שליט"א צוזאמען אז זיי זאלן האבן די זכי' צושטאנד צו ברענגען די הכרזה וואס האט אפגעקלונגען מקצה העולם ועד סופו. און דאס האט מחזק געווען די אמונה הטהורה, ווי רש"י הק' ברענגט יענע וואך עה"פ ולאום מלאום יאמץ כשזה קם זה נופל, די מפלה פארן ציוני'סטישן בג"ץ איז א חיזוק פאר כבוד שמים.

עס איז קיין ספק נישט אז מצוה גוררת מצוה, אז די גוטע מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן דורך דעם מסירות נפש'דיגן אקט, וועט זיין 'מוליכין אותו' ווי דער מהרש"א זאגט, אז זיי וועלן שוין פירן ווייטער אויפן ריכטיגן וועג ביז ווען עס וועט ארייננקומען א גענצליכע התנזרות פון דעם שלטון הרשע.

אויב האלט עס ביי א חיזוק פאר די אמונה דעמאלטס איז דאס שוין סאטמאר!

דאס איז דער פשט פארוואס ווען דער מסירות נפש'דיגער עסקן למען אסירי עמנואל האט באטרעטן דעם אמעריקאנעם באדן פארגאנגענעם מוצש"ק באישון לילה, האט ער באגעגענט סאטמארע עסקנים ווארטן אין לופט-פעלד. דאס איז דער פשט פארוואס די סאטמארע עסקנים האבן זיך צוכאפט די 'קנסות' צעטלעך און דרייען זיך ארום 'פארקויפן קנסות', דאס איז דער הסבר פארוואס די ווארעמע אטמאספערע אין די סאטמארע קרייזן וועט ווארשיינליך העלפן ארייננברענגען די געפאדערטע סכומים.

עס עקזיסטירט דא נישט קיין קרייזן און קיין שום אנדערע דיפערענצן, עס איז אויפן טיש איין זאך: מלחמה לה' בעמלק הציוני! אויב מיט דעם וואס חסידי סאטמאר ווייזן פאר די מסירות נפש'דיגע עלטערן דעם חיזוק מיטן אויסצאלן די קנסות, און מיט דעם העלפט מען ארויסשיסן דעם גירא בעינא דשיטנא, איז דאס יעצט דער חובת השעה.

ומכאן הקריאה יוצאת: עס דארף ארויסגיין א ווארעמער רוף צו אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר, וואס לבם ער וחם לכל דבר שבקדושה.

עס דארף גענומען ווערן אין באטראכט אז 'עמנואל' איז א קליינער פינטל וואס ווערט אבזערווירט און באטראכט דורך טויזענטער טויזענטער אויגן. אידן איבעראל קוקן צו די מערכה קעגן ציונית, און די גענצליכע אפטיילונג פון ממשלת המינים האט בכלל א זכות קיום. די עלטערן אין עמנואל זיי זענען יעצט די חלוצים היוצאים למלחמה, און מ'טוט זיי באאבאכטן צו זיי וועלן אנקומען און געוואונען אין די מלחמה, צי זיי וועלן אונטערברעכן אונטער די רדיפות, זיי וועלן ח"ו אויפגעבן, און דאן וועט ח"ו באשטעטיגט ווערן אז מיטן שלטון הרשע קען מען זיך סיווי נישט שלאגן.

**עס עקזיסטירט דא נישט קיין קרייזן און קיין שום אנדערע דיפערענצן, עס איז אויפן טיש איין זאך: מלחמה לה' בעמלק הציוני!**

די יעצטיגע אקציע וואס קומט פאר צווישן דעם ציבור שלומי אמוני ישראל למען אסירי עמנואל דאס טוט בייגן דעם וואגשאהל אויף וואס טויזענטער קוקן ארויס מיט נייגער און אינטערעסע, ווער וועט געוואונען די מלחמה, ווער וועט ארויסגיין וידו על העליונה אין דעם גרויסן קאמף.

**חובתינו! צו טון כל מה שביכלתינו צו העלפן די אידן געבן דעם ריכטיגן שטויס פאר די פינסטערע קליפה, און מיט דעם מחזק זיין די אמונה טהורה, און שטארקן די רייען פונעם יהדות החרדית הצרופה.**

# אתם מהתם ואנן מהכא!

נעמט א חלק אין די מסירת נפש פון די עלטערן אין עמנואל,
און קויפט אפ א 'געלט קנס', דורך איינע פון די פאלגנדע פרייזן:

א "גאנצע" געלט קנס
**$1,000**

א "האלבע" געלט קנס
**$500**

ולכה"פ זייט אייך משתתף מיט

## $88

**$1.00 קנס פער נפש**

(די ציוניסטישע בג"ץ האט ארויפגעלייגט א טויזנט דאלארדיגע קנס פאר 88 עלטערן)

## כולנו למעמד אדיר

א'
וישלח

גירא בעינא דשטנא

מעמד האדיר
# לקדש שם שמים

פדיון 88 קנסות

הצלת תושבי עמנואל
מרדיפת הבג"ץ הציוני

א'
וישלח
גירא בעינא דשטנא
מעמד האדיר
לקדש שם שמים
פדיון 88 קנסות
הצלת תושבי עמנואל
מרדיפת הבג"ץ הציוני

# פרשת עמנואל

## אין בילדער...



אויף פאר'ן גיין אין תפיסה איז דא א סדר היום...



לאמיר זיך אידעלעך מחזק זיין...



אביסל דברי חיזוק וועט שטארק צוניץ קומען...



פארט לחיים ולשלום...



זענט איר גרייט?...



וואס קען איך טון? אז מ'הייסט גיין, גייט מען!



געפאקט פעק און געגאנגען...



ויסעו מעמנואל...



זיי געזונט שעפעלע, טאטי דארף אוועקפארן...




**איך ווייס שעפעלע,**
**ס'איז שווער,**
**אבער וואס טוט מען נישט**
**פאר כבוד שמים?**



גירא בעינא דשטנא

מעמד האדיר
# לקדש שם שמים

פדיון 88 קנסות

הצלת תושבי עמנואל מרדיפת הבג"ץ הציוני



אשר הגלה מעמנואל, עם הגולה אשר הגלתה...



ברבבותינו



לקדש שם שמים!




די מעסעדזש איז קלאר!



הרה"ח ר' ישעי' אייכלער מארשירט צום... טורמע!



אשריכם שנתפסתם על דברי תורה...



הרשעים כים נגרש



שפך חמתו על עצים ועל אבנים...



הוא פורש ובוכה...



והם פורשין ובוכין...



ווען קומט טאטי צוריק?....



כי בשמחה תצאו...

## אין די לעצטע טריט פארן תפיסה-טויער:

הרה"ח ר' ישעי' אייכלער שרייט אויס קבל עולם

(פארנט פון די אלוועלטליכע פרעסע-לייט):

# כן לכלא, לא לבג"ץ!!!!

(יא פאר תפיסה, ניין פאר די ציוניסטישע געריכט!)





גידא בעינא דשטנא

מעמד האדיר

# לקדש שם שמים

הצלת תושבי עמנואל מרדיפת הבג"ץ הציוני

פדיון 88 קנסות

# סדר המעמד

כינוס אדיר "קידוש שם שמים"

## א' וישלח - "קרן ויואל משה"

**יושב ראש:**

הר"ר **שמואל שלמה טעללער** שליט"א

מרביץ תורה במוסדותינו הק' בקרית יואל
ומראשי העסקנים למען המערכה לכבוד שמים

**דער אפטייטש פון 'גירא בעינא דשטנא'**

8:15

**אורח הכבוד:**

הרה"ג ר' **אהרן וויינבערג** שליט"א

מגיד מישרים בעיר בארא פארק

**וואו ווייט הילכט אפ דער קידוש השם?**

8:30

**נואם הכבוד:**

הגה"צ
רבי **שלמה רובין** שליט"א

רב דביהמ"ד דברי שמחה ד'ציעשנוב

**אונזער פליכט און אחריות פאר דעם צוועק!**

8:50

**דברי ברכה:**

הגה"צ **דומ"ץ קרית יואל** שליט"א

**דעת תורה וזכות המצוה הגדולה!**

9:15

**9:30**

## א לעבעדיגע שמועס פרעזענטאציע

צווישן:

הר"ר **הערשל פריעדמאן** שליט"א
מיט'ן בעל מסירת נפש **הר"ר ישעי' אייכלער** שליט"א

**שאקירנדע פרטים ארום די מערכה**

## כולנו! א' וישלח

גירא בעינא דשטנא

מעמד האדיר
**לקדש שם שמים**

פדיון 88 קנסות

הצלת תושבי עמנואל
מרדיפת הבג"ץ הציוני


א' וישלח

גירא בעינא דשטנא

מעמד האדיר
**לקדש שם שמים**

פדיון 88 קנסות

הצלת תושבי עמנואל
מרדיפת הבג"ץ הציוני

### עגבערט אייך אין מח

# פארוואס???

**פארוואס מוזן "מיר" זיך אנשטרענגען צו העלפן די אידן?**

וואס האט צוגעברענגט צו די גאנצע פרשה?

**וואספארא סארט פשרות האט מען אלץ פארגעשלאגן?**

האט זיך די פרשה געענדיגט א פשרה?

**וואספארא מעסעדזש האט די פרשה געברענגט?**

וואס זענען אלץ אדורך אויף די עלטערן?

**וואס איז זייער מיינונג/שאיפה איבער די תמיכה אין אנדערע פלעצער?**

וואס זאגט די פרומע און די פרייע גאס צו אונזער רעאקציע?

קומט הערן אן ענטפער אויף די אלע פראגעס און נאך, ביי די

## לעבעדיגע שמועס פרעזענטאציע

צווישן:

הר"ר **הערשל פריעדמאן** שליט"א

מיט'ן בעל מסירת נפש **הר"ר ישעי' אייכלער** שליט"א

איינער פון די העלדישע אסירי עמנואל, ומנהל מוסד החדש על טהרת הקודש

ביי דעם מעמד אדיר "קידוש שם שמים"

# דעם זונטאג וישלח

## אין "קרן ויואל משה"

א' וישלח

גידא בעינא דשטנא

מעמד האדיר

לקדש שם שמים

פדיון 88 קנסות

הצלת תושבי עמנואל מרדיפת הבג"ץ הציוני

בס"ד

# א פראסק

# פאר'ן בג"ץ!!!

## אית מאן דפרע בגופי: "זיי", די אסירי עמנואל!

האבן זיך געלאזט ארעסטירן, און זיי ווערן עד היום
שרעקליך גע'רודפ'ט פון די בג"ץ הציוני,

**אזוי ווייט אזוי זענען גאר בא'קנס'ט געווארן**

**מיט אויסטערלישע געלט קנסות!!!**

פאר האבן די חוצפה אריינצושטעכן א מעסער אינעם רוקן פונעם שטאלצן ציוניסטישן בג"ץ
און מבזה זיין זייער כבוד פאר די גאנצע וועלט, ביי די שטורמישע חינוך פרשה אין עמנואל

## ואית מאן דפרע בממוני: "מיר", אנשי שלומינו!

וואס מיר הערן כסדר פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א שר צבא ה',
איבער אונזער חיוב און זכי' זיך אצוננעמען פאר די וואס ליידן אויף כבוד שמים!

**וועלן בשו"א נישט לאזן פאלן די בעלי מסירת נפש אויפ'ן פראנט!**

**מיר זענען שטאלץ צו קענען איבערנעמען**
**די 'קנסות' פונעם ציוניסטישן בג"ץ!!!**

אונזער ווארימע השתתפות איז די גרעסטע קלאפ און שטויס פאר'ן ממשלת המינות!

גירא בעינא דשטנא

מעמד האדיר

# לקדש שם שמים

פדיון 88 קנסות

הצלת תושבי עמנואל
מרדיפת הבג"ץ הציוני

א' וישלח

גירא בעינא דשטנא

מעמד האדיר

לקדש שם שמים

פדיון 88 קנסות

הצלת תושבי עמנואל
מרדיפת הבג"ץ הציוני

# ״תכנית הליבה״ איז אויך יעצט אויפ׳ן וואגשאהל!...

שוין א לאנגע צייט וואס דאס יהדות החרדית הצרופה קאכט ווי א קעסל און איז אנטוויקלט אין א גאר שווערע מערכה קעמפנדיג מיט פארשידענע סארט פעולות אנטקעגן די כפירה׳דיגע ״תכנית הליבה״ פראגראמען, וואס די משרד החינוך אין די ציוניסטישע מדינה וויל איינפירן אין די מוסדות התורה והחינוך.

ליידער ליידער האבן שוין עטליכע מוסדות וואס נעמען געלט משלחן איזבל נישט געקענט עומד בנסיון זיין, און בשאט נפש איבערגעגעבן דער שליסל פון חינוך צאן קדשים ובנות ישראל אין די הענט פון די מרשיעי ברית ושונאי ה׳.

אבער דער קאמף איז נאך ווייט פון פארטיג! דאס יהדות החרדית הצרופה קוקט צו מיט אנגסט און ציטער אויף די פילע אנדערע מוסדות וואס נעמען געלט פון די רעגירונג, צי וועלן זיי זיך כאטש יעצט אפשטעלן און איינזעהן ווי ווייט מ׳איז פארקראכן דורכ׳ן נישט אויספאלגן באצייטנס די הוראה מפורשת פון רבותינו הק׳, און כאטש יעצט זאגן א הילכיגער ניין, און גענצליך אפהאקן אלע אומריינע מקורות, און אנהייבן א נייעם בלעטל פון חינוך הטהור, אדער וועלן זיי ליידער נישט קענען עומד בנסיון זיין און זיי וועלן זיך יא ביקן צום בעל הציוני היל״ת!

---

**אט ליינט וואס די ׳משפחה׳ שרייבט אין נאמען פון די עלטערן אין עמנואל:**

---

**״אויב וועלן מיר מצליח זיין אין די יעצטיגע פרשה, קוקט אויס אז מיר וועלן קענען גענצליך אפהאקן דאס נעמען געלט פון די מדינה ביי אונזערע אנדערע מוסדות, וואס וועט זיין א וועג-ווייזער פאר אלע אנדערע חרדי׳שע מוסדות, אויפצוהערן נעמען געלט פון די רעגירונג און זיך נישט בייגן צו די ׳תכנית הליבה׳ און אנדערע גזירות״...**

״כל המוסדות החרדיים יתנתקו״

ומה האדמו״ר מסלונים עצמו חושב על תוכנית ה׳התחברות׳ של חסידיו לחסידות הקנאית מארה״ב?

״האדמו״ר מגבה את המהלך הזה״, אמרו אנשי סלונים מעמנואל בשיחה לאריה ארליך, המתפרסמת בעיתון ׳משפחה׳. ״אם המאמצים בעמנואל יצליחו, כנראה שהמוסדות ינסו לאמץ את המודל בכל הארץ. זה יהיה תהליך של התנתקות מהתלות במדינה.

״האדמו״ר מסלונים מקווה שבסופו של תהליך, לא נהיה תלויים עוד במוסדות השלטון. הוא אמר גם, כי הוא משוכנע שבטווח הרחוק יותר, כל המוסדות החרדיים ייאלצו להתנתק מהתקציבים, בגלל כפיית הליבה, הכנסת המפקחים ושאר הגזירות״, דברי הגורם הסלונימאי.

ציטאט פון איינער פון די פרעמד-חרדישע צייטונגען אין ארץ ישראל היינטיגן דאנערשטאג ויצא

געדענקט: אין הדבר תלוי אלא בך! מיר האבן יעצט א געלעגנהייט וואס איז שוין לאנג נישט געווען! מיר טארן דאס בשום אופן נישט פארנאכלעסיגן און פארשפילן!

**מיר וועלן זיך אנשטרענגען און מחזק זיין די מסירת נפש׳דיגע אסירי עמנואל, דורכ׳ן אפקויפן זייערע געלט קנסות, צו ווייזן קבל עם ומלואה, אז יא! סאטמאר שטייט גרייט צו העלפן פאר די וואס קעמפן מיט מסירת נפש פאר א ערליכע חינוך! נצח ישראל לא ישקר!**

# בואו בהמוניכם!

אויפ'ן רוף פון די מנהיגי יהדות החרדית, הגאוה"צ מרנן ורבנן בי"ד הגדול שבירושלים שליט"א,
ואתם עמם הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, הגאוה"צ רבני ודייני קהלתינו שליט"א
**ועל צבאם כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

טוען מיר לאדענען דעם גאנצן ציבור אנשי שלומינו
אחינו לדעה תושבי עירנו שיחיו תלמידי וחסידי רבותה"ק זי"ע
ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א והסרים למשמעתם

צו קומען זיך פערזענליך באטייליגן ביי דעם גרויסארטיגן

## מעמד אדיר

# לקדש שם שמים

## א' וישלח הבעל"ט

## באולם "קרן ויואל משה"

**בהשתתפות הגה"צ הדומ"ץ שליט"א ורבני ודייני עירנו שליט"א**

משעה 8:00 עד 12:00 בערב

וואו מיר וועלן אלע אויסדרוקן אונזער אש קודש פאר'ן כבוד שמים
**אפצוקויפן די 'געלט קנסות' וואס די ציוניסטישע בג"ץ האט**
**ארויפגעלייגט אויף די מסירת נפש'דיגע עלטערן פון עמנואל**
**פאר זיך נישט בייגן צו זייערע חוקים, קעמפנדיג מיט די לעצטע כוחות פאר א ערליכע חינוך הבנות**

**די אסירי עמנואל גייען דורך גאר שווערע צייטן און שרעקליכע רדיפות**
**מיר מוזן זיי מחזק זיין און ארויסהעלפן!!!**

בכבוד רב
**ועד העסקנים**

FINEDESIGN
Graphic Designer